ויקרא תשפ"ג
גליון 135

# דעם רבינ'ס ליכט



אַײערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוטן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,**

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אִינֶעם חֹדֶשׁ נִיסָן, ׳הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים׳. עֶס אִיז יָדוּעַ פוּן סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים אַז דֶער גַאנְצֶער חֹדֶשׁ הָאט אַ קְדוּשָּׁה פוּן רֹאשׁ חֹדֶשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ לֵיינְט מֶען דִי אַלֶע דְרַייצְן טֶעג דֶער נָשִׂיא פוּנֶעם טָאג, וָואס דַאן אִיז גֶעוֶוען דִי חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ וֶוען דִי נְשִׂיאִים הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט דִי קָרְבָּנוֹת.

מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּם הֵיילִיגְן אוּן גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב פֶּסַח וָואס אִין דֶעם יוֹם טוֹב גֵייעֶן דִי אִידְן אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר אֵייגֶענֶעם גָלוּת מִצְרַיִם. מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן אַלֶע שְׁטֶערוּנְגֶען אוּן קְנֶעכְטְשַׁאפְט, אַלֶע דַאֲגוֹת אוּן צָרוֹת, אַזוֹי וִוי דִי אִידְן זֶענֶען דֶעמָאלְט אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם בְּגַשְׁמִיּוּת. מִיר זָאגְן אִין דִי הַגָּדָה: ׳בְּכָל דוֹר וָדוֹר חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִילוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם׳.

מִיר דַארְפְן מִתְפַּלֵּל זַיין אִינְמִיטְן רֵיינִיגְן, אַיינְקוֹיפְן אוּן צוּהֶעלְפְן אִין שְׁטוּב פַאר פֶּסַח: "זַכֵּינוּ לִטְעֹם טַעַם חֵרוּת שֶׁל פֶּסַח! ׳זַכֵּינוּ׳, אִיךְ זָאל קֶענֶען רֵיינִיגְן מַיין קָאפּ אוּן מַיין הַארְץ פוּן חָמֵץ!" אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (תּוֹרָה ה): אַז "מֶען דַארְף אוֹיסְרוֹימֶען דֶער מֹחַ פוּן חָמֵץ – דָאס זֶענֶען אַלֶע תַּאֲווֹת, דַאֲגוֹת, נִישְׁט גוּטֶע מִדּוֹת."




יֶעצְט אִיז דִי צַייט דֶערְפַאר, אַזוֹי וִוי מֶען רוֹימְט אוֹיס דִי שְׁטוּב, מֶען קְרַאצְט, שַׁארְט, אוּן רַייבְּט אוֹיס אַלֶע ווִינְקְלֶען וואוּ עֶס אִיז נָאר דָא חָמֵץ, אַזוֹי דַארְפְן מִיר מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אוּן שִׂמְחָה רֵיינִיגְן אוּנְזֶער הַארְץ אוּן מֹחַ עֶס זָאל זַיין רֵיין אִינְגַאנְצְן לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח וָואס קוּמְט צוּ גֵיין.

ר׳ נָתָן, אִין תְּפִלָּה מ"ט - אַ תְּפִלָּה אוֹיף תּוֹרָה מ"ט, וואוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז חֹדֶשׁ נִיסָן זֶענֶען טֶעג פוּן ׳תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה׳, אַזוֹי וִוי תִּשְׁרֵי זֶענֶען טֶעג פוּן ׳תְּשׁוּבָה מִיִּרְאָה׳, בֶּעט בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער, לֵייז אוֹיס יֶעדֶע נֶפֶשׁ מִיִּשְׂרָאֵל. יֶעדֶער פוּן אוּנְז וַוייסְן וִויפִיל דֶער חָמֵץ אוּן זוֹיעֶרְקַייט פוּן הַארְץ שְׁטֶערְט אוּנְז אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן דִי קְלָארֶע אֱמוּנָה."

יֶעצְט קוּמְט דֶער חֹדֶשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר מְסוּגָּל אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע שְׂאוֹר – זוֹיעֶרְקַייט, דֶערְפַאר עֶסְט מֶען מָרוֹר בַּיים סֵדֶר צוּ וַוייזְן אַז מֶען מוּז הָאבְּן מְרִירוּת, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (תּוֹרָה כ"ז): אַז "מֶען מוּז דָאס הָאבְּן, אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ צַדִּיק וָואס מַאכְט זִיס דִי בִּיטֶערְנִישְׁן."

מִיר דַארְפְן אַסַאךְ דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן: "ווָאוֹיל אִיז אוּנְזֶער חֵלֶק אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי"ן וָואס דִי גִימַטְרִיָּא פוּן זַיין נָאמֶען ׳נַחְמָן׳ אִיז ׳פֶּסַח׳!" אַזוֹי וִוי אִין מִצְרַיִם

המשך קומענדיגע זייט

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

זֶענֶען דִי אִידְן גֶעוֶוען אַזוֹי אוּנְטֶערְדְרִיקְט אוּנְטֶער פַּרְעֹה, אוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אַרַיינְגֶעשַׁיינְט דַּעַת אוּן קְלָארְקַייט אִין דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַז אֲפִילוּ אִין מִצְרַיִם אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ מִיט זֵיי, אַ רֵיינֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה הָאט עֶר זֵיי גֶעגֶעבְּן, אַזוֹי אוֹיךְ הַיינְטִיגֶע צַייטְן הָאבְּן מִיר צַדִּיקִים וָואס שַׁיינֶען אוּנְז אַרַיין לִמּוּדִים פוּן דַּעַת, תִּקְוָה, פוּן שִׂמְחָה, הִתְחַזְּקוּת, בִּפְרַט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּן 'אֲזַמְּרָה לֵאלֹקַי בְּעוֹדִי', וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אוּן עֶר שְׁרַייבְּט אַז דֶערְפַאר לֶערְנְט מֶען מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער 'וַיִּקְרָא' וואוּ מֶען רֶעדְט פוּנֶעם מִשְׁכָּן, אַז דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פְרֵייעֶן מִיט אַלֶע קְלֵיינֶע פִּיצְקֶעלֶעךְ 'נְקוּדוֹת טוֹבוֹת' וָואס יֶעדֶער אִיד טוּט סַייווִי, מֶען דַארְף עֶס נָאר צַאמְנֶעמֶען אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן דֶערְמִיט.

ר' נָתָן שְׁרַייבְּט פַאר זַיין זוּן אִין אַ בְּרִיוו: "דִי טֶעג וָואס מֶען לֵיינְט אִין דִי תּוֹרָה פוּן דֶער הֵיילִיגֶער מִשְׁכָּן בִּפְרַט דִי טֶעג וָואס מֶען לֵיינְט וֶועגְן חֲנֻכַּת הַמִּשְׁכָּן דַארְפְן מִיר ווִיסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז דִי אַלֶע זַאכְן גֶעשֶׁעְן הַיינְט אוֹיךְ." נָאךְ שְׁרַייבְּט ר' נָתָן אִין אַ בְּרִיוו, "עֶס שְׁטֵייט אִין שִׁיר הַשִּׁירִים, 'קוֹל דּוֹדִי הִנֵּה זֶה בָּא מְדַלֵּג עַל הֶהָרִים מְקַפֵּץ עַל הַגְּבָעוֹת'" (שיר השירים ב, ח), זָאגְט ר' נָתָן, "דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶעקוּמֶען קֵיין מִצְרַיִם אוּן אִיבֶּערְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוּן נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר הָאט גֶעקוּקְט נָאר אוֹיף זֵייעֶרֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס דוּרְכְדֶעם אִיז גֶעקוּמֶען דִי גְאוּלָה, אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט בַּיים סֵדֶר, 'וָאוֹמַר לָךְ בְּדָמַיִךְ חֲיִי', אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין דִי מ"ט שַׁעֲרֵי טוּמְאָה הָאט הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט אוּנְזֶערֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף יֶעדֶער אִיד זִיךְ בַּאהֶעפְטְן אִין אוֹיבֶּערְשְׁטְנ'ס מִדּוֹת אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן, 'נָאר אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען' וָואס עֶס קוּמְט פָאר אִין שְׁטוּב, הֶעלְפְן ווִי מֶער דִי עֶלְטֶערְן, אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען אִיבֶּער אַלֶע מַחֲלוֹקֶת אוּן שְׁוֶועריַקייטְן אוּן לוֹיפְן מִיט אַ זְרִיזוּת אוּן ווִיסְן וָואסְפַארַא גְרוֹיסֶע מִצְוָה אִיךְ טוּ מִיטְן הֶעלְפְן צוּגְרֵייטְן דֶעם יוֹם טוֹב.



בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּן 'אֲזַמְּרָה לֵאלֹקַי בְּעוֹדִי', פוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, וֶועט שוֹין בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיט דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן מֶען וֶועט נָאךְ קֶענֶען דָאס יָאר מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אִין יְרוּשָׁלַיִם אָמֵן.

הדפסת הגליון נתנדב ע"י
ר' יהודה לייב מארקוס הי"ו
לרגל הולדות בתו למזל טוב

הדפסת הגליון נתנדב ע"י
ר' פנחס גוטמאן הי"ו לרגל
נישואי בנו למזל טוב

הדפסת הגליון נתנדב ע"י
ר' יצחק מרמורשטיין הי"ו



# איין מעשה'לע

דער באשעפער באווייזט וואונדער
פאר זיינע ליבע קינדער

## די רִיכְטִיגֶע מִינוּט

אִיךְ ווִיל דָא דֶערְצֵיילְן פַאר אַלֶע קִינְדֶער אַ 'סוֹד' וָואס אִיךְ מֵיין אַז אַלֶע וֵוייסְן שׁוֹין. ווִי זָאגְט דִי וֶועלְט? אַ סוֹד פַאר גַאנְץ בְּרָאד... אָבֶער פָּארְט וֶועל אִיךְ עֶנְק מְגַלֶּה זַיין עֶפֶּעס וָואס אַלֶע וֵוייסְן טַאקֶע אָבֶער צוּמָאל אִיז עֶס טִיף פַארְהוֹילְן ווִי אַ סוֹד וָואס מֶען ווִיל נִישְׁט מְגַלֶּה זַיין. דֶער סוֹד בִּין אִיךְ גֶעווָאוִיר גֶעוָוארְן נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק. וֶועל אִיךְ דָאס מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף, מִיטְטֵיילְן מִיט דִי חָשׁוּבֶ'ע קִינְדֶער וֶועלְכֶע לֵיינֶער דֶעם רֶבִּי'ן לִיכְט.

וֶוען אִיךְ בֶּעט עֶפֶּעס פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאגְן זֵיי מִיר שְׁטֶענְדִיג, "בֶּעט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן"! אָדֶער, "הָאסְט שׁוֹין גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן?" אוּן שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּיר אִיךְ ווִי עֶס אִיז עֶפֶּעס אַ וָוארְט מִיר אֲוֶועקְצוּשִׁיקְן מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, ווִי אֵיינֶער זָאגְט, "אָקֶעי, מְ'וֶועט שׁוֹין זֶען..." אָבֶער יֶעצְט בִּין אִיךְ גֶעווָאוִיר גֶעוָוארְן אַז דָאס אִיז אַ לֶעבֶּעדִיגֶע וָוארְט. וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס דַארְף מֶען בֶּעטְן אוּן נִישְׁט מִיד וֶוערְן בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט.

מַיין מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוען מַיין קַאפֶּעלוּטְשׁ אִיז גֶעוָוארְן אַבִּיסֶל אָפְּגֶערִיבְּן. אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט מַיין טַאטֶע אַז אוֹיף סֻכּוֹת ווָאלְט אִיךְ זֵייעֶר גֶעווָאלְט הָאבְּן אַ נֵייעֶם קַאפֶּעלוּטְשׁ. מַיין טַאטֶע הָאט גֶעגֶעבְּן אַ קוּק אוֹיף דֶעם אוּן בַּאשְׁלָאסְן אַז ס'אִיז נָאכְנִישְׁט עֶק וֶועלְט, מְ'קֶען נָאךְ גֵיין דֶערְמִיט.

"אָקֶעי, בֶּעט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן," הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט. אוּן עֶר אִיז צוּרִיק צוּ זַיין אַרְבֶּעט. פַאר מִיר הָאט עֶס אוֹיסְגֶעזֶען ווִי עֶר הָאט נִישְׁט יֶעצְט דָאס גֶעלְט פַאר דֶעם. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעוואוּסְט אַז אַ קַאפֶּעלוּטְשׁ וֶועל אִיךְ נִישְׁט בַּאקוּמֶען.

עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים זֶענֶען פַארְבַּיי. דֶער קַאפֶּעלוּטְשׁ הָאט שׁוֹין בַּאקוּמֶען גְרוֹיֶע אוּן שְׁטוֹיבִּיגֶע סִימָנִים. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין עֶכְט גֶעשְׁפִּירְט ווִי אִיךְ דַארְף אַ קַאפֶּעלוּטְשׁ. אִיךְ הָאבּ ווִידֶער דֶערְמַאנְט מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִיבֶּער מַיין קַאפֶּעלוּטְשׁ. אוּן ווִידֶער הָאבְּן זֵיי מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, בֶּעט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן!"

"אָבֶער אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעבֶּעטְן אַזוֹיפִיל מָאל."

"בֶּעט נָאכְאַמָאל אוּן וַוארְט מִיט גֶעדוּלְד," הָאט מַיין מַאמֶע מִיר מוּסָר גֶעזָאגְט. אַזוֹי זֶענֶען אַרִיבֶּער נָאךְ עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ מַצָּב וָואס אִיךְ הָאבּ מִיךְ שׁוֹין גֶעשֶׁעמְט צוּ גֵיין מִיט דֶעם קַאפֶּעלוּטְשׁ אִין יְשִׁיבָה. אִיךְ הָאבּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט גֶעהַאט טַעֲנוֹת צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן. אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר גֶעטְרַיי צוּ מִיר, אָבֶער מִיטְן בֶּעסְטְן ווִילְן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט מִיר צוּצוּשְׁטֶעלְן אַ נֵייעֶם קַאפֶּעלוּטְשׁ. אִיךְ הָאבּ וַוייטֶער גֶעטוּן וָואס אִיךְ קֶען אוּן נָאר מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

וֶוען דֶער מַצָּב פוּן מַיין קַאפֶּעלוּטְשׁ אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער דֶער גְרֶענִיץ פוּן נָארְמַאלְקַייט, הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז מַיין טַאטֶע הָאט בַּאקוּמֶען אִין חוּץ לָאָרֶץ אַ קַארְטְל - פוּן אַ אִיד וָואס אִיז

# אײן אעשה'לע

אִים גֶעוֶוען שוּלְדִיג גֶעלְט אוּן הָאט אִים בַּאצָאלְט דֶעם חוב מִיט אַזַא סָארְט קַארְטְל וָואס מֶען הָאט נָאר גֶעקֶענְט אַײנְקוֹיפְן אִין גֶעשֶׁעפְטְן פוּן קְלֵיידוּנְג א.א.וו. אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אוֹיף זַיין רְשִׁימָה אִיז גֶעוֶוען, מִיר צוּ קוֹיפְן אַ נַײעֶם קַאפֶּעלוּטְשׁ.

פְּרֵיילִיכֶערְהֵייט אִיז מַיין טַאטֶע אַרַיין אִין גֶעשֶׁעפְט אוּן אוֹיסְגֶעוֶועלְט דִי שֶׁענְסְטֶע חָתָן קַאפֶּעלוּטְשׁ. אַ פְּרַייז וָואס עֶר וָואלְט זִיךְ נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּט. עֶר הָאט עֶס מִיר אַהֵיימְגֶעבְּרֶענְגְט אוּן אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִיבֶּערגְלִיקְלִיךְ עֶס אָנְצוּפְּרוּבִּירְן. וואוּנֶדער אִיבֶּער וואוּנֶדער, דֶער נוּמֶער אִיז גֶעוֶוען פּוּנְקְט מַיין מָאס. עֶס אִיז אַרוֹיף אוֹיף מַיין קָאפּ וִוי גֶעבּוֹירְן אוֹיף מִיר. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען וואוּ אַלֶע מַיינֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען. וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן מִיר נָאכְאַמָאל זָאגְן, "בֶּעט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן," וֶועל אִיךְ שׁוֹין וִויסְן אַז סְ'אִיז אַן עֶכְטֶע זַאךְ, נִישְׁט עֶפֶּעס מִיר אָפְּצוּשְׁטוּפְּן!




*מִיר הָאבְּן אָפְּגֶעהַאלְטְן אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע שְׁמוּעֶס מִיט אַ מִשְׁפָּחָה מִיטְגְלִיד פוּן הָרַב הֶחָסִיד ר' מֹשֶׁה לֶעפְּקָאוִויטְשׁ הי"ו פוּן מָאנְסִי, אַ פְלַאם פַייעֶרְדִיגֶע בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד, וֶועלְכֶער דִינְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט דֶער נִסָּיוֹן וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשָׁאנְקְן.*

וֶוען ר' מֹשֶׁה אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגְל אִיז עֶר לַיידֶער דִיאַגְנָאזִירְט גֶעוָוארְן מִיט אַ מַחֲלָה אִין דִי אוֹיגְן וָואס הָאט אִים צוּבִּיסְלִיךְ בְּלִינְד גֶעמַאכְט. אוּן טְרָאץ דֶעם גֵייט עֶר אָן מִיטְן לֶעבְּן, לֶערְנְט אוּן דַאוְונְט אַלֶעס אוֹיף אוֹיסְנֶוֶוייניג.

וִוי אַזוֹי אִיז ר' מֹשֶׁה גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד?

וֶוען ר' מֹשֶׁה אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אִין שִׁידוּכִים הָאבְּן אִים זַיינֶע עֶלְטֶערְן גֶעשִׁיקְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים. עֶר הָאט בַּאשְׁטֶעלְט אַ זִיץ פְּלַאץ בַּיי "גֶעפְנֶער" וֶועלְכֶער פְּלֶעגְט אָרְגַאנִיזִירְן טֶענֶדערְס צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים. אוֹיפְ'ן וֶועג אִיז אִים בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ זִיצְן אִין פָּארְנְט פוּן דֶעם אִישׁ כָּשֵׁר, הָרַב הֶחָסִיד ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא זַצַ"ל, וֶועלְכֶער פְּלֶעגְט אָפְט פָּארְן צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים מִיט גֶעפְנֶערְ'ס טֶענֶדערְס. ר' שְׁמוּאֵל הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וֶוער דֶער בָּחוּר אִיז אָבֶּער ר' מֹשֶׁה הָאט גֶעכַאפְּט אַז מֶען הָאט אִים אָנְגֶעטְרָאגְן ר' שְׁמוּאֵלְ'ס טָאכְטֶער, מָרַת אֶסְתֵּר תְּחִי'. דֶער שִׁידוּךְ הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערוּקְט פָּארְאוֹיס צוּלִיבּ דֶעם וָואס מֶען הָאט גֶעוואוֹינְט פוּן

דֶערְוַוייטֶעְנְס אוּן צוּ דֶעם זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען קְוֶוענְקְלֶענִישְׁן פוּן בֵּיידֶע צְדָדִים.

ר׳ מֹשֶׁה אִיז זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן ר׳ שְׁמוּאֵלְ׳ס אֵיידֶעלֶע בַּאנֶעמוּנְג. דִי גַאנְצֶע וֶועג אִיז ר׳ שְׁמוּאֵל גֶעזֶעסְן פַּארְטִיפְט אִין זַיינֶע סְפָרִים אוּן גָארְנִישְׁט בַּאמֶערְקְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אַרוּם אִים. אוֹיךְ נִישְׁט וֶוען דִי אַנְדֶערֶע רַייזֶענְדֶע הָאבְּן גֶעקָאכְט אִין הֶעפְטִיגֶע וִוכּוּחִים אִיבֶּער פַארְשִׁידֶענֶע טֶעמֶעס.

אִין מִירוֹן הָאט זִיךְ ר׳ מֹשֶׁה נִישְׁט גֶעקֶענְט קָאנְצֶענְטְרִירְן צוּ זָאגְן תְּהִלִּים, וַוייל עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט אוֹיסְהֶערְן וִוי ר׳ שְׁמוּאֵל דַאוְונְט פַארְן עָמוּד דֶעם סֵדֶר פוּן יוֹם כִּפּוּר קָטָן. עֶס אִיז דַאן גֶעוֶוען עֶרֶב רֹאשׁ חֹדֶשׁ שְׁבָט, ר׳ שְׁמוּאֵל אִיז גֶעוֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה קָבוּעַ אִין מִירוֹן יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חֹדֶשׁ.

שְׁפֶּעטֶער הָאט ר׳ מֹשֶׁה דֶערְלַאנְגְט אַ פְּרוּכְט פַאר ר׳ שְׁמוּאֵל אוּן עֶר הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אִים. אֵיינֶער פוּן דִי אָנְוֶועזְנְדֶע הָאט אִים אוֹיפְמֶערְקְזַאם גֶעמַאכְט אַז ׳ר׳ שְׁמוּאֵל גְלַייכְט נִישְׁט צוּ נֶעמֶען פוּן מֶענְטְשְׁן זַאכְן אוּן אוֹיבּ עֶר הָאט עֶפֶּעס גֶענוּמֶען בַּיי דִיר מֵיינְט עֶס אַז דוּ בִּיסְט אַ פַארְכַאפְּטֶער...׳ עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט דֶעם בַּאדֵייט פוּן דִי וֶוערְטֶער...

אִין צְפַת הָאט ר׳ מֹשֶׁה גֶעדַארְפְט אַ בַּאגְלֵייטֶער צוּלִיבּ דֶעם שְׁוֶוערְן וֶועג בַּיים בֶּערְגִיגְן בֵּית הַחַיִּים, הָאט ר׳ שְׁמוּאֵל זִיךְ אָנְגֶעטְרָאגְן. עֶר הָאט אִים גֶעפִירְט צוּם קֶבֶר פוּן אֲרִיזַ״ל אוּן אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים וָואס לִיגְן דָארְט.

שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען הָאט נָאכְאַמָאל אָנְגֶעטְרָאגְן דֶעם ״בָּחוּר״ הָאט שׁוֹין ר׳ שְׁמוּאֵל פִּינְקְטְלִיךְ גֶעוואוּסְט פוּן וֶועמֶען מֶען רֶעדְט דָא, אוֹיךְ ר׳ מֹשֶׁה הָאט שׁוֹין גֶעהַאט אַן אַהנוּנְג פוּן וֶועמֶען דִי מְדַבֶּרֶת שְׁטַאמְט... אוּן מֶען הָאט גֶעבְּרָאכְן טֶעלֶער!


ר' שמואל אין מירון

מָרַת אֶסְתֵּר תְּחִי׳ דִי טָאכְטֶער פוּן ר׳ שְׁמוּאֵל. אִיר מַאמֶע מָרַת פְרַיידֶא עָלָיו הַשָּׁלוֹם אִיז גֶעוֶוען אַ חָשׁוּבֶ׳ע פְּרוֹי, אַן אֵשֶׁת חַבֵר. זִי אִיז גֶעוֶוען אַ טָאכְטֶער פוּנְ׳ם דֶערְהוֹיבֶּענֶעם אִיד, ר׳ יוֹסֵף קַדִּישׁ קְרִישֶׁעוְוסְקִי (דֶער זֵיידֶע פוּן אַלֶע קְרִישֶׁעוְוסְקִי׳ס), וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי נָאנְסְטֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְצוּקַ״ל.

אַלְס קְלֵיין קִינְד הָאט מָרַת אֶסְתֵּר בַּאקוּמֶען פָּאלְיָא וָואס הָאט גֶעשֶׁעדִיגְט אִירֶע פִּיס, נִישְׁט קֶענֶענְדִיג שְׁטֵיין אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע פִּיס. אִין אַן עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר וֶוען ר׳ שְׁמוּאֵל הָאט גֶעוַוילְט אִין מִירוֹן, הָאט מָרַת שַׁפִּירָא גֶעמַאכְט אַן אִיבֶּערַראשׁוּנְג פַאר אִיר מַאן. זִי הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי גֶעלֶעמְטֶע אֶסְתֵּר מִיט דִי הִילְף פוּן אִיר עֶלְטְסְטֶער זוּן ר׳ שִׁמְעוֹן. ר׳ שְׁמוּאֵל הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אֶסְתֵּר אוֹיף

אַ דֶעקֶע נֶעבְּן דֶעם קֵבֶר פוּן ר׳ אֶלְעָזָר אוּן עֶר אִיז אַרַיין צוּ דִי מֶענֶער זַייט מִתְפַּלֵל זַיין.

נָאךְ דְרַיי טֶעג הָאט דָאס ווִירְקְלִיך פַּאסִירְט, פְּלוּצְלִינְג הָאט זִיךְ אֶסְתֵּר צוּגֶעהַאלְטְן צוּ דִי גְרַאטֶעס אוּן זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי פִּיס. דָאס אִיז נָאר גֶעוֶוען אַן אָנְהֵייבּ.

ר׳ שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא פְלֶעגְט פַארְגִיסְן אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְן וואוֹילְזַיין פוּן זַיינֶע קִינְדֶער. זַיינֶע תְּפִלּוֹת דֶערְקֶענְט זִיךְ טַאקֶע אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵייניקְלֶעךְ. ר׳ שְׁמוּאֵל הָאט אָנְגֶענוּמֶען ר׳ מֹשֶׁה מַמָּשׁ ווִי אַן אֵייגְן קִינְד. עֶר הָאט אִים מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן. עֶר אִיז טַאקֶע גֶעוָוארְן אָנְגֶעשְׁטֶעקְט פוּן זַיין הֵיילִיגְן שְׁוֶוער אוּן אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד.

ווִי אַזוֹי הָאבְּן דִי צְוֵויי אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַזַא הֶערְלִיכֶע שְׁטוּבּ, בַּיי וֶועלְכֶע בֵּיידֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען בַּאגְרֶענִיצְט?

לֵיינְט אִיבֶּער דֶעם אִין דֶעם פֶּסַח לִיכְט אי״ה אוּן נָאךְ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע שְׁטְרִיכְן ווִי אַזוֹי ר׳ מֹשֶׁה גֶעבְּט זִיךְ אַן עֵצָה מִיט זַיין בַּאגְרֶענִיצוּנְג.

**תפלה פאר פסח**

באשעפער, העלף אונז, מיר זאלן זוכה זיין צו מקבל זיין אויף אונז די קדושה פון יום טוב פסח, מיט א געוואלדיגע היילגקייט מיט א שמחה און חדוה. מיר זאלן זוכה זיין צו מקיים זיין די מצוה פון ארבע כוסות די וויין פון פסח מיט א ריכטיגע שלימות און מיט קדושה וטהרה. (תפלה כ׳)

באשעפער, זיי זיך מרחם אויף אונז מיט דיין גרויס רחמנות און דיין גרויס גענאד. העלף אונז אויפנעמען די דריי רגלים פסח, שבועות און סוכות מיט א קדושה און א גרויס פרייד, מיר זאלן זוכה זיין צו מכבד זיין אלע ימים טובים מיט אלע מיני כבוד און שיינקייט, מיט עסן, סעודות און ריינע קליידער. און רוען פון אלע ארבעט. מיט א גוט הארץ און א גרויסע שמחה. מיט תפלה בכוונה און א געוואלדיגע התעוררות ווי עס פאסט פאר א אידיש קינד צו דאווענען און זיך אויפצופירן יום טוב.

מיר זאלן זוכה זיין צו טון אסאך מצות משך דעם יאר מיט קדושה און א גרויסע שמחה און זוכה זיין אז די שמחות פון אלע מצוות פונעם גאנצן יאר זאלן זיך צאמזאמלען אינעם הייליג הארץ וואס דאס איז די דריי ימים טובים, דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין צו אן אמת׳ן שמחת יום טוב אזוי ווי דיין רצון איז, אזוי ווי עס שטייט: "ושמחת בחגיך".

און זוכה זיין זיך זייער שטארק צו פרייען מיט דיר באשעפער וואס דו האסט אונז אויסגעוועלט פון אלע פעלקער און דערהויבן פון אלע שפראכן. ביז מיר וועלן זוכה זיין ארויפגיין און זיך זען מיטן אור פני ה׳. אמן

# פינף מינוט




*די פָאלְגְנְדֶע הָאבְּן מִיר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן אַ שְׁמוּעֶס מִיט ר׳ לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער ז״ל:*

״ר׳ אֶלְחָנָן סְפֶּעקְטוֹר ז״ל הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, אַז אֵיינֶער אַ אִיד - מִיר וֶועלְן אִים רוּפְן בָּרוּךְ הָאט אִים דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט אַלֵיין גֶעזֶען בַּיים הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים ז״ל. בָּרוּךְ הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיים חָפֵץ חַיִּים אִין יְשִׁיבָה, אוּן הָאט עֶפֶּעס בַּאמֶערְקְט וִוי דֶער חָפֵץ חַיִּים לוֹיפְט אַרַיין אִין צִימֶער אִינְמִיטְן טָאג, עֶר פַארְזוֹימְט זִיךְ דָארְט אַ שְׁטִיק צַייט, אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט עֶר צוּרִיק אַרַיין אִין יְשִׁיבָה.

הָאט בָּרוּךְ גֶעוָואלְט זֶען פַארְוָואס גֵייט דֶער חָפֵץ חַיִּים אַלֶץ אַוֶועק, הָאט זִיךְ בָּרוּךְ פַארְגְנֶבְ׳עט דָארְטְן, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן וִוי דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט אָפְּגֶעגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיפְ׳ן גַאנְצְן טָאג, צִי עֶר הָאט אוֹיסְגֶענִיצְט יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע מִינוּט וִוי מֶען בְּרוֹיךְ. אָבֶער עֶס הָאט אִים גֶעפֶעלְט פִּינְף מִינוּט, וָואס דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אִין דִי פִּינְף מִינוּט, הָאט עֶר גֶעקְלַאפְּט אִין טִישׁ: ״יִשְׂרָאֵל מֵאִיר גֶעב דִין וְחֶשְׁבּוֹן וואוּ אִיז דִי פִּינְף מִינוּט?!״ בִּיז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט דִי פִּינְף מִינוּט אוֹיךְ.

הָאט עֶר צוּגֶעגֶעבְּן - אַז דֶער חָפֵץ חַיִּים אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד... עֶר הָאט גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אַ שְׁטִיק צַייט אוּן דַאן זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אוֹיפְ׳ן גַאנְצְן טָאג!


דער חפץ חיים ז"ל

אַז פִּינְף מִינוּט הָאט גֶעפֶעלְט הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן: ״וואוּ אִיז אַהִין גֶעקוּמֶען דִי פִּינְף מִינוּט?״

אִיךְ הָאב גֶעטְרָאפְן אַ אִיד אִין ׳זִכְרוֹן מֹשֶׁה׳, אוּן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט דֶעם חָפֵץ חַיִּים, עֶר הָאט גֶעקֶענְט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן פוּן פּוֹילְן, הָאט עֶר מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דֶער חָפֵץ חַיִּים אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט אַרַיין, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם, זֶענֶען צוּגֶעלָאפְן דִי בַּעֲלֵי בָּתִּים צוּם חָפֵץ חַיִּים: ״רֶבִּי - דִי אַלֶע שֶׁעֶרֶערְס דָא זֶענֶען מְחַלֵּל שַׁבָּת.

פארזעצונג אויף די לעצטע זייט

# ~ די דְרַייצְנְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

## 1 דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס




**מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ,** דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ בֵּן יָחִיד, הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיוָואלְט אָפְּגֶעבְּן דִי מְלוּכָה זַיין זוּן בְּחַיָּיו (דְהַיְינוּ פַאר זַיין לֶעבְּן) הָאט עֶר גִימַאכְט אַ גְרוֹיסְן בַּאל. אוּן וֶוען דֶער מֶלֶךְ מַאכְט אַ בַּאל אִיז בְּוַודַאי זֵייעֶר פְרֵילֶעךְ. בִּפְרַט הַיינְט, וָואס עֶר הָאט אָפְּגִיגִיבְּן דִי מְלוּכָה זַיין זוּן בַּאם לֶעבְּן. אִיז אַ וַודַאי גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אוֹיף דֶעם בַּאל אַלֶע שָׂרֵי מְלוּכָה. אוּן אַלֶע דוּכְּסִים אוּן אַלֶע שְׂרָרוֹת. אוּן מֶע אִיז זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוֶוען אוֹיף דֶעם בַּאל.

**אוּן דִי מְדִינָה הָאט אוֹיךְ הֲנָאָה גִיהַאט** פוּן דֶעם וָואס דֶער מֶלֶךְ גִיט אָפּ דִי מְלוּכָה זַיין זוּן בַּאם לֶעבְּן. וָוארְן סֶע אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער כָּבוֹד דֶעם מֶלֶךְ. אוּן סֶע אִיז דָארְט זֵייעֶר אַ שִׂמְחָה גִיוֶוען. אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אַלֶערְלֵיי זַאכְן פוּן שִׂמְחָה. קַאפֶּעלְיֶיעס אוּן קָאמֶעדְיֶיעס אוּן דֶעסְט גְלַייכְן, אוּן אַלְדִינְג וָואס סֶע נִיצְט נָאר צוּ שִׂמְחָה, אִיז אַלְץ דָארְט גִיוֶוען אוֹיף דֶעם בַּאל.

**אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוָוארְן,** הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ אוֹיף גִישְׁטֶעלְט, אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם זוּן, בַּאֲשֶׁר אִיךְ בִּין אַ שְׁטֶערְן זֶעהֶער, זֶע אִיךְ אַז דוּ וֶועסְט אַמָאל אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה, בְּכֵן זָאלְסְטוּ זֶעהְן אַז דוּ זָאלְסְט נִיט הָאבְּן קֵיין עַצְבוּת (דְהַיְינוּ קֵיין טְרוֹיעֶרִיקְייט) אַז דוּ וֶועסְט אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה, נָאר דוּ זָאלְסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין. אוּן אַז דוּ וֶועסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין וֶועל אִיךְ אוֹיךְ פְרֵיילֶעךְ זַיין,

**אֲפִילוּ אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן עַצְבוּת,** וֶועל אִיךְ אוֹיךְ פְרֵיילֶעךְ זַיין, וָואס דוּ בִּיסְט קֵיין מֶלֶךְ נִיט, וָוארְן דוּ קֶערְסְט זִיךְ קֵיין מֶלֶךְ נִיט צוּ זַיין, וָוארְן דוּ בִּיסְט זִיךְ נִיט פְרֵיילֶעךְ. (כְּלוֹמַר אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס דוּ קָאנְסְט דִיךְ נִיט דֶערְהַאלְטְן אַז דוּ זָאלְסְט תָּמִיד פְרֵיילֶעךְ זַיין אֲפִילוּ אַז דוּ גֵייסְט אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה, קֶערְסְטוּ נִיט זַיין קֵיין מֶלֶךְ) **לוּשְׁמִיר אַז דוּ** וֶועסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין, וֶועל אִיךְ מְשׁוּנֶה פְרֵיילֶעךְ זַיין.

**הָאט דֶער בֵּן מֶלֶךְ אָפְּגִינוּמֶען דִי מְלוּכָה זֵייעֶר שַׁארְף.** אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט שָׂרֵי מְלוּכָה. אוּן הָאט גִיהַאט דוּכְּסִים אוּן שָׂרִים אוּן חַיִל. אוּן דֶער בֵּן מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען אַ חָכָם, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר לִיב גִיהַאט חָכְמָה. אוּן סֶע אִיז בַּיי אִיהם גִיוֶוען גְרוֹיסֶע חֲכָמִים.

**אוּן וֶוער סֶע אִיז צוּ אִיהם גִיקוּמֶען** מִיט עֶפֶּעס אַ חָכְמָה, אִיז עֶר בַּיי אִיהם זֵייעֶר חָשׁוּב גִיוֶוען. אוּן עֶר פְלֶעגְט זֵיי גִיבְּן גְרוֹיס כָּבוֹד אוּן עֲשִׁירוּת פַאר דֶער חָכְמָה. וָואס אִיטְלִיכֶער הָאט גִיוָואלְט הָאט עֶר אִיהם גִיגִיבְּן. אֵיינֶער הָאט גִיוָואלְט גֶעלְט, הָאט עֶר אִים גִיגִיבְּן גֶעלְט. אֵיינֶער הָאט גִיוָואלְט כָּבוֹד, הָאט עֶר אִיהם גִיגִיבְּן כָּבוֹד. אַלְץ פַאר דֶער חָכְמָה.

**אוּן מַחְמַת סֶע אִיז בַּיי אִיהם זֵייעֶר חָשׁוּב גִיוֶוען חָכְמָה.** הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַלֶע גִינוּמֶען צוּ חָכְמָה, אוּן דִי גַאנְצֶע מְדִינָה הָאט עוֹסֵק גִיוֶוען אִין חָכְמוֹת. וָוארְן דֶער הָאט גִיוָואלְט גֶעלְט. כְּדֵי עֶר זָאל נֶעמֶען גֶעלְט דֶערְפַאר. אוּן דֶער הָאט גִיוָואלְט חֲשִׁיבוּת אוּן כָּבוֹד.

**אוּן מַחְמַת זֵיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גִיוֶוען נָאר אִין חָכְמוֹת** אִיבֶּער דֶעם הָאבְּן זֵיי דָארְט אִין דֶער מְדִינָה פַארְגֶעסְן תַּכְסִיסֵי מִלְחָמָה (כְּלוֹמַר ווִי אַזוֹי אַ מִלְחָמָה צוּ פִירְן) וָוארְן זֵיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גִיוֶוען נָאר אִין חָכְמוֹת.

**בִּיז דֶער קְלֶענְצְטֶער פוּן דֶער מְדִינָה.** אִיז גִיוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אִין אֵיין אַנְדֶערֶע מְדִינָה. אוּן דִי חֲכָמִים פוּן דֶער מְדִינָה זֶענֶען גִיוֶוען זֵייעֶר ווִילְד גְרוֹיסֶע חֲכָמִים. וּמַחְמַת דִי חָכְמוֹת, זֶענֶען דִי חֲכָמִים פוּן דֶער מְדִינָה אַרַיין גִיפַאלְן אִין אַפִּיקוֹרְסוּת אַרַיין.

**אוּן הָאבְּן דֶעם בֵּן מֶלֶךְ** אוֹיךְ אַרַיין גִיצוֹיגְן אִין אַפִּיקוֹרְסוּת אַרַיין. לוּשְׁמִיר דֶעם פְּרָאסְטְן עוֹלָם הָאט דָאס נִיט גִישַׁאט, זֵיי זֶענֶען נִיט אַרַיין גִיפַאלְן אִין דֶעם אַפִּיקוֹרְסוּת אַרַיין.

**וָוארְן סֶע גִיוֶועְן אַ גְרוֹיס טִיפְקַייט אִין זֵייעֶר חָכְמָה פוּן דִי** חֲכָמִים. הָאט דֶער פְּרָאסְטֶער עוֹלָם נִיט גִיקָאנְט אַרַיין גֵיין אִין זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת. אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶס זֵיי נִיט גִישַׁאט. נָאר דִי חֲכָמִים אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ זֶענֶען אַפִּיקוֹרְסִים גִיוָוארְן.

**אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ מַחְמַת סֶע אִיז אִין אִיהם גִיוֶועְן טוֹב,** וָוארְן עֶר אִיז גִיבּוֹירְן גִיוָוארְן מִיט טוֹב, אוּן עֶר הָאט גִיהַאט גוּטֶע מִדוֹת. פְלֶעגְט עֶר זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען אַלֶע מָאל, וואוּ בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט. וָואס טוּה אִיךְ. אוּן פְלֶעגְט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסְן קְרֶעכְץ טָאן, אוּן פְלֶעגְט זֵייעֶר זִיפְצְן דְרוֹיף. עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דֶערְמַאנֶען, וָואס טַייטְשׁ אִיךְ זָאל פַארְגֵיין אִין אַזוֹינֶע זַאכְן, וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר, וואוּ בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט, אוּן פְלֶעגְט זֵייעֶר זִיפְצְן. לוּשְׁמִיר תֵּיכֶף וִוי בַּאלְד עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבְן צוּ נִיצְן מִיט זַיין שֵׂכֶל, אִיז וִוידֶער בַּיי אִיהם שְׁטַארְק גִיוָוארְן דִי חָכְמוֹת פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת.

**אוּן אַזוֹי אִיז גִיוֶועְן כַּמָה פְּעָמִים,** וָואס עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַלְץ צוּ דֶערְמַאנֶען וואוּ אִיז עֶר אִין דֶער וֶועלְט, וָואס טוּט עֶר וְכוּ' כַּנַ"ל. אוּן פְלֶעגְט קְרֶעכְצְן אוּן זִיפְצְן. נָאר תֵּיכֶף וִוי עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ נִיצְן מִיט דֶעם שֵׂכֶל, אִיז בַּיי אִיהם וִוידֶער שְׁטַארְק גִיוָוארְן דָאס אַפִּיקוֹרְסוּת כַּנַ"ל.

**וַיְהִי הַיּוֹם.** אוּן סֶע גִיוֶועְן **אֵיין בְּרִיחָה אִין אֵיין מְדִינָה.** זֶענֶען זֵיי אַלֶע צוּלָאפְן גִיוָוארְן. וִוי זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן גִיוָוארְן, זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען דָארְךְ אֵיין וַואלְד. הָאבְּן זֵיי דָארְט פַארְלוֹירְן צְוֵויי קִינְדֶער, אַ זָכָר אוּן אַ נְקֵבָה. אֵיינֶער הָאט פַארְלוֹירְן אַ זָכָר, אוּן אֵיינֶער הָאט פַארְלוֹירְן אַ נְקֵבָה. אוּן זֵיי זֶענֶען נָאךְ גִיוֶועְן קְלֵיינֶע קִינְדֶער. פוּן פִיר פִינֶעף יָאהר.

**דִי קִינְדֶערְלִיךְ הָאבְּן נִיט גִיהַאט וָואס צוּ עֶסְן,** הָאבְּן זֵיי גִישְׁרִיגְן אוּן גִיוֵויינְט, וָוארְן זֵיי הָאבְּן נִיט גִיהַאט וָואס צוּ עֶסְן. דֶערְוַוייל אִיז צוּ זֵיי אָנְגִיקוּמֶען אֵיין בֶּעטְלֶער, עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען מִיט דִי טָארְבֶּעס. הָאבְּן דִי קִינְדֶער אָנְגִיהוֹיבְּן טְשֶׁעפֶּען זִיךְ צוּ אִיהם, אוּן צוּ טוּלֶען זִיךְ צוּ אִיהם. הָאט עֶר זֵיי גִיגִיבְּן בְּרוֹיט, הָאבְּן זֵיי גִיגֶעסְן. הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט, פוּן וַואנֶעט קוּמְט אִיהר אַהֶער. הָאבְּן זֵיי אִיהם גִיעֶנְפֶערְט מִיר וֵוייסְן נִיט, וָוארְן זֵיי זֶענֶען גִיוֶועְן קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

**הָאט עֶר אָנְגִיהוֹיבְּן אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן זֵיי.** הָאבְּן זֵיי אִיהם גִיבֶּעטְן, אַז עֶר זָאל זֵיי נֶעמֶען מִיט זִיךְ, הָאט עֶר זֵיי גִיזָאגְט דָאס וִויל אִיךְ נִיט, אַז אִיהר זָאלְט גֵיין מִיט מִיר. דֶער וַוייל הָאבְּן זֵיי אַ קוּק גִיטָאן, אִיז דֶער בֶּעטְלֶער בְּלִינְד. אִיז בַּיי זֵיי אַ חִידוּשׁ גִיוֶועְן, אַז עֶר אִיז בְּלִינְד, וִוי אַזוֹי וֵוייסְט עֶר צוּ גֵיין (אוּן צוּם אֶמֶת, אִיז דָאס אַלֵיין אַ חִידוּשׁ, וָואס דִי קִינְדֶער אִיז דָאס קָשֶׁה גִיוֶועְן. וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער גִיוֶועְן. לוּשְׁמִיר זֵיי זֶענֶען גִיוֶועְן קְלוּגֶע קִינְדֶער, אִיבֶּער דֶעם אִיז דָאס בַּיי זֵיי אַ חִידוּשׁ גִיוֶועְן)

**הָאט עֶר זֵיי גִיבֶּענְטְשְׁט** (דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער), אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ. אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ. אוּן עֶר הָאט זֵיי אִיבֶּער גִילָאזְט נָאךְ בְּרוֹיט, אוּן עֶר אִיז זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

**הָאבְּן דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטַאנֶען,** אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט אוֹיף זֵיי הַשְׁגָחָה גִיהַאט, אוּן עֶר הָאט זֵיי צוּ גִישִׁיקְט אַהֶער אַ בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, עֶר זָאל זֵיי גִיבְּן עֶסְן.

**דֶערְנָאךְ אִיז בַּיי זֵיי אוֹיס גִיגַאנְגֶען דָאס בְּרוֹיט.** הָאבְּן זֵיי וִוידֶער אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן עֶסְן. דֶערְנָאךְ אִיז גִיוָוארְן נַאכְט, הָאבְּן זֵיי דָארְט אִיבֶּער גִינֶעכְטִיגְט. אִין דֶערְפְרִי, הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער נִישְׁט גִיהַאט צוּ עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גִישְׁרִיגְן אוּן גִיוֵויינְט.

**דֶערְוַוייל, אִיז וִוידֶער אָנְגִיקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער,** וָואס עֶר אִיז גִיוֶועְן אַ טוֹיבֶּער, הָאבְּן זֵיי אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ אִיהם צוּ רֵיידְן, וַוייזְט עֶר זֵיי מִיט דִי הֶענְט אוּן זָאגְט צוּ זֵיי. אִיךְ הֶער גָאר נִיט. אוּן דֶער בֶּעטְלֶער הָאט זֵיי אוֹיךְ גִיגִיבְּן בְּרוֹיט צוּ עֶסְן, אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן זֵיי. הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גִיוָואלְט, אַז עֶר זָאל זֵיי נֶעמֶען מִיט זִיךְ, הָאט עֶר נִישְׁט גִיוָואלְט. אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיךְ גִיבֶּענְטְשְׁט, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ. אוּן הָאט זֵיי אוֹיךְ גִילָאזְט בְּרוֹיט, אוּן אִיז זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

**דֶערְנָאךְ אִיז בַּיי זֵיי דָאס בְּרוֹיט אוֹיךְ אוֹיסְגִיגַאנְגֶען, הָאבְּן** זֵיי וִוידֶער גִישְׁרִיגְן כַּנַ"ל. אִיז וִוידֶער גִיקוּמֶען צוּ זֵיי אַ בֶּעטְלֶער, וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַ כְּבַד פֶּה. (כְּלוֹמֶר עֶר הָאט גִישְׁטָאמְפְּלְט מִיט דֶעם מוֹיל) הָאבְּן זֵיי אָנְגִיהוֹיבְּן מִיט אִיהם צוּ שְׁמוּסְן.

**הָאט עֶר גִישְׁטָאמְפְּלְט זַיינֶע רֵייד.** הָאבְּן זֵיי נִיט גִיוואוּסְט וָואס עֶר רֶעט, אוּן עֶר הָאט יָא גִיוואוּסְט וָואס זֵיי רֶעדְן. נָאר זֵיי הָאבְּן נִיט גִיוואוּסְט וָואס עֶר רֶעט, וָוארְן עֶר הָאט גִישְׁטָאמְפְּלְט.

**הָאט דֶער בֶּעטְלֶער זֵיי אוֹיךְ גִיגִיבְּן בְּרוֹיט צוּ עֶסְן.** אוּן אִיז זִיךְ אוֹיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זֵיי אוֹיךְ גִיבֶּענְטְשׁ, אַז זֵיי זָאלְן זַיין וִוי עֶר, אוּן אִיז זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען כַּנַ"ל.

**דֶערְנָאךְ אִיז וִוידֶער גִיקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער,** וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אַ קְרוּמֶען הַאלְדְז. אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גִיוֶוען כַּנַ"ל,

**דֶערְנָאךְ אִיז וִוידֶער גִיקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער,** אַ הוֹיקֶער. דֶערְנָאךְ אִיז וִוידֶער גִיקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, אָן הֶענְט. דֶערְנָאךְ אִיז גִיקוּמֶען אַ בֶּעטְלֶער, אָן פִּיס. אוּן אִיטְלִיכֶער הָאט זֵיי גִיגִיבְּן בְּרוֹיט. אוּן הָאט זֵיי גִיבֶּענְטְשׁ. אַז זֵיי זָאלְן זַיין אַזוֹי וִוי עֶר, גָאר אַזוֹי וִוי יֶענֶע בֶּעטְלֶערְס כַּנַ"ל.

**דֶערְנָאךְ,** אִיז בַּיי זֵיי וַוייטֶער דָאס בְּרוֹיט אוֹיסְגִיגַאנְגֶען. הָאבְּן זֵיי אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ גֵיין אִין יִשּׁוּב אַרַיין, בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אַ וֶועג. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם וֶועג.

**בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין דָארְף.** זֶענֶען דִי קִינְדֶער אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין אַ שְׁטוּבּ אַרַיין. הָאט מֶען אוֹיף זֵיי רַחְמָנוֹת גִיהַאט. אוּן מֶע הָאט זֵיי גִיגִיבְּן בְּרוֹיט. זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער אִין אַ שְׁטוּבּ אַרַיין גִיגַאנְגֶען. הָאט מֶען זֵיי דָארְט אוֹיךְ גִיגִיבְּן בְּרוֹיט.

**פְּלֶעגְן זֵיי גֵיין אִין דִי הַייזֶער.** הָאבְּן זֵיי גִיזֶעהְן סֶע גוּט, מֶע גִיט זֵיי בְּרוֹיט, הָאבְּן דִי קִינְדֶער צְוִוישְׁן זִיךְ גִימַאכְט אַז זֵיי זָאלְן תָּמִיד זַיין אִין אֵיינֶעם. אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גִימַאכְט גְרוֹיסֶע טָארְבֶּעס. אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין דִי הַייזֶער. אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוֹיף אַלֶע שִׂמְחוֹת, אוֹיף בְּרִית'ן אוּן אוֹיף חַתוּנוֹת. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען וַוייטֶער, אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין שְׁטָעט אַרַיין. אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין דִי הַייזֶער, אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוֹיף דִי יְרִידִים. אוּן פְלֶעגְן זִיצְן צְוִוישְׁן דִי בֶּעטְלֶערְס, אַזוֹי וִוי זֵי זִיצְן דָארְט אוֹיף דִי פְּרִיזְבֶּעס מִיט דִי טֶעלֶער.

**בִּיז דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין גִיוֶוען מְפוּרְסָמִים בַּיי אַלֶע** בֶּעטְלֶערְס. וָוארְן אַלֶע הָאבְּן זֵיי גִיקֶאנְט, אוּן הָאבְּן פוּן זֵיי גִיוואוּסְט, אַז דָאס זֶענֶען דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, וָואס זֵי זֶענֶען פַארְפַאלְן גִיוָוארְן אִין וַואלְד כַּנַ"ל.

**אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער יְרִיד,** אִין אַ גְרוֹיסֶער שְׁטָאט. זֶענֶען אַהִין גִיגַאנְגֶען אַלֶע בֶּעטְלֶערְס, אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיךְ אַהִין גִיגַאנְגֶען. אִיז גִיקוּמֶען דִי בֶּעטְלֶערְס אוֹיף דֶער דֵעָה, אַז זֵיי זָאלְן מְשַׁדֵךְ זַיין דִי צְוֵוי קִינְדֶער, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע נֶעמֶען. אוּן תֵּיכֶּף וִוי מֶע הָאט אָנְגִיהוֹבְּן דֶערְפוּן צוּ שְׁמוּסְן, אִיז דָאס זֵיי אַלֶע זֵייעֶר גִיפֶעלְן,

**הָאט מֶען זֵיי מְשַׁדֵךְ גִיוֶוען,** לוּשְׁמִיר וִוי מַאכְט מֶען זֵיי חַתוּנָה, הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען, בַּאֲשֶׁר אִין דֶעם אוּן דֶעם טָאג, וֶועט זַיין בַּאם מֶלֶךְ מִינִינֶעס, וֶועלְן אַהִין גֵיין אַלֶע בֶּעטְלֶערְס וֶועלְן זֵיי זִיךְ דָארְטְן אוֹיסְבֶּעטְן קוֹילִיטְשׁ אוּן פְלֵייש, דֶערְפוּן וֶועט מֶען זֵיי מַאכְן חַתוּנָה. אִיז אַזוֹי גִיוֶוען,

**זֶענֶען אַלֶע בֶּעטְלֶערְס גִיגַאנְגֶען אוֹיף דִי מִינִינֶעס,** אוּן הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגִיבֶּעטְן פְלֵייש אוּן בְּרוֹיט, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאךְ פַארְנוּמֶען וָואס סֶע אִיז גִיבְּלִיבְּן פוּן דֶער סְעוּדָה, פְלֵייש אוּן קוֹילִיטְשׁ.

**אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען,** אוּן הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגִיגְרָאבְּן. אַ גְרוֹיסְן גְרוּבּ, וָואס סֶע זָאל אִין אִיהם קֶענֶען אַרַיין הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן. אוּן זֵיי הָאבְּן אִיהם צוּגִידֶעקְט מִיט פְרוּטֶעס, אוּן מִיט עֶרְד אוּן מִיט מִיסְט.

**אוּן זֵיי זֶענֶען אַהִין אַלֶע אַרַיין גִיגַאנְגֶען.** אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גִימַאכְט חַתוּנָה דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן זֵיי גִישְׁטֶעלְט אַ חוּפָּה

**אוּן זֵיי זֶענֶען דָארְט זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוֶוען,**
**אוּן דִי חָתָן כַּלָּה זֶענֶען אוֹיךְ זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוֶוען.**

# מודעה חשובה

מיר האבן צוגעלייגט צוויי נייע
נומערן צו רופן פון
אמעריקע און קאנאדע
646-585-3040
518-329-9623

געווינער:
שרגא פייוויל ענגל, קרית יואל
בעל תפלה 10
יעקב דוד אייזנצווייג, קרית טאהש
בעל תפלה 11

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די דרייצנטע מעשה (1) ־ פון די זיבן בעטלירס (אנהייב)

**א. שאלת מכות: אין וועלכע חודש האט דער רבי אנגעהויבן דערציילן די מעשה?** (עיין ימי מוהרנ"ת אות א"ב)
- ❑ אלול
- ❑ אדר
- ❑ סיון

**ב. פארוואס האט דער קעניג געמאכט א סעודה?**
- ❑ ווייל ער האט געזיגט א מלחמה
- ❑ ווייל ער האט איבערגעגעבן די מלוכה פאר זיין זוהן
- ❑ לכבוד זיי געבורטס טאג

**ג. וועלכע זאכן פון שמחה איז דארט געווען?**
- ❑ קאפעליישס
- ❑ קאמעדיישס
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וואס זאגט ער פאר זיין זוהן צו טוהן ווען ער וועט אראפ פון דער מלוכה?**
- ❑ אנטלויפן פון די מדינה
- ❑ ער זאל נישט לאזן א צווייטן זיין א מלך
- ❑ ער זאל זיין פריילך

**ה. וואס האט דער בן המלך זייער ליב געהאט?**
- ❑ צו שיכור'ן
- ❑ אסאך כבוד
- ❑ חכמה

**ו. וואס האט דער קעניג געגעבן פאר א חכמה?**
- ❑ געלד
- ❑ כבוד
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וואס האט מען פארגעסן אין די מדינה?**
- ❑ זייער לערנען
- ❑ תכסיסי מלחמה
- ❑ זייער חכמה

**ח. וואס האט פאסירט צום בן המלך און צו די גרויסע חכמים?**
- ❑ זיי זענען אריינגעפאלן אין אפיקורסות
- ❑ זיי זענען שוואך געווארן
- ❑ זיי האבן זיך געשטארקט אין עבודת השם

**ט. וואו זענען די קינדער פארלוירן געווארן ?**
- ❑ אין א שטאט
- ❑ אין א מדבר
- ❑ אין א וואלד

**י. וואס איז געווען דער ערשטער בעטלער?**
- ❑ א בלינדער
- ❑ א טויבער
- ❑ א כבד פה

**יא. וואס האט זיי דער בעטלער געוואונטשן**
- ❑ גרויסע עשירות
- ❑ זיי זאלן טרעפן זייער עלטערן
- ❑ זיי זאלן זיין אזוי אלט וואו איך

**יב. וואס האט זיי דער בעטלער איבערגעלאזט**
- ❑ ברויט
- ❑ וואסער
- ❑ פרוכט

**יג. וואס איז געווען דער פערדער בעטלער?**
- ❑ א הויקער
- ❑ א קרומער האלדז
- ❑ אן הענט

**יד. וויאזוי האבן זיי געהאט עסן אויף די חתונה?**
- ❑ זיי האבן געבעטן ברויט און פלייש פון די סעודה פון מלך
- ❑ זיי האבן גענומען וואס ס'איז געבליבן פון די סעודה פון מלך
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. וואו איז געווען די חתונה?**
- ❑ אין א גרויסע זאל
- ❑ אין א שול
- ❑ אין א גרויסע גרוב

**טז. שאלת מכות: וואס איז דער סדר פון די בעטלערס?**
- ❑ א טויבער, א בלינדער, א כבד פה, א הויקר, א קרומער האלדז, און הענט, און פיס.
- ❑ א בלינדער, א טויבער, א כבד פה, א קרומער האלדז, א הויקר, און הענט, און פיס
- ❑ א טויבער, א כבד פה, א בלינדער, א הויקר, א קרומער האלדז, און הענט, און פיס.

**יז. שאלת מכות: וויפל מאל ווערט דערמאנט שמחה/שמחות/פרייליך אין די מעשה ביז דא?**
- ❑ צען
- ❑ ניינצן
- ❑ צוואנציג

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

1-518-329-9149

אלע קינדער וואס האבן געווינען די לעצטע וואכן קענען דאס אפנעמען ביי ר' יואל יאראוויטש

## פינף מינוט

פארזעצונג פון זייט 6

די בַּעֲלֵי מְלָאכָה פוּן שְׁטָאט, פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשְׁן, זַיי גֵייעְן פוּן דֶער אַרְבֶּעט פְּרַייטָאג פַּארְנַאכְטְס אוּן זַיי שֶׁערְן אִין דֶער נַאכְט אַרַיין."

הָאט דֶער חָפֵץ חַיִּים גֶעשִׁיקְט רוּפְן דִי שֶׁערֶערְס. "וָואס אִיז דָאס? פַּארְוָואס זֶענְט אִיר מְחַלֵּל שַׁבָּת".

הָאבְן זַיי גִיעֶנְטְפֶערְט: "דָאס אִיז אוּנְזֶער פַּרְנָסָה, אַ גַאנְצֶע וָואךְ הָאבְן מִיר נִישְׁט וָואס צוּ טָאן, נָאר דֶעמָאלְט וֶוען דִי אַרְבֶּעטֶערְס קוּמֶען נָאךְ אַ וָואךְ אַרְבֶּעט. דִי גַאנְצֶע פַּרְנָסָה אוּנְזֶערֶע אִיז פוּן שֶׁערְן פְּרַייטָאג צוּנַאכְטְס, דֶעמָאלְט קוּמֶען דִי אַלֶע בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת. אַז מִיר זָאלְן דֶעמָאלְט נִישְׁט שֶׁערְן, הָאבְן מִיר נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה.

דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן, צוּ רֶעדְן, זַיי זָאלְן דָאס נִישְׁט טוּן, אָבֶּער עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פּוֹעֶלְ'ן בַּיי זֵיי, אִיז דֶער חָפֵץ חַיִּים אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ.

דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט גֶעזָאגְט צוּ דֶעם וָואס אִיז גֶעפָארְן מִיט אִים: "רֶעד דִי אוֹיךְ מִיט זֵיי".

הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ דִי שֶׁערֶערְס: "אִיר וֵוייסְט וֶוער עֶס הָאט מִיט אַייךְ גֶערֶעדְט? דֶער 'חָפֵץ חַיִּים', גֶעוַואלְד אַזַא אִידְן הָאט אִיר גָארְנִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט?!" עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי, הָאט עֶר גֶעפּוֹעֶלְ'ט בַּיי דִי שֶׁערֶערְס, אוּן עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען בְּשִׂמְחָה רַבָּה זָאגְנְדִיג דֶעם 'חָפֵץ חַיִּים' אַז עֶר הָאט גֶע'פּוֹעֶלְ'ט.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער אִיד גֶעטְרָאפְן דֶעם חָפֵץ חַיִּים וואו עֶר אִיז גֶעזֶעצְן אוֹיף דֶער עֶרְד בְּפַשְׁטוּת 'יָדַיִם וְרַגְלַיִם' עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז מַיינֶע רֵייד וֶוערְן נִישְׁט גֶעהֶערְט בִּין אִיךְ דָאךְ נִישְׁט קַיין יְרֵא שָׁמַיִם; אַ יְרֵא שָׁמַיִם אִיז דְּבָרָיו נִשְׁמָעִין לוֹ".

## טייערע ברסלב'ע קינדער

מען האט אנגעהויבן א נייע מעשה

## די זיבן בעטלערס

געגאנגען, לאמיר זיך באנייען און זיך ריינגען אינעם טייך וואס ריינגט פון אלע פלעקן

יעדעס ווארט אין סיפורי מעשיות וועט דיך ברענגען קדושה, שמחה, יראת שמים און צופרידנהייט

## כאפ זיך מיט נאך היינט